# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה'
נומער 192
פרשת נח · תשפ"ד

# די תיבה גייט ארויף אויף תפילה

אז מען וויל ווערן געראטעוועט פון שלעכטע זאכן דארף מען זיך אריין טון אין תפילה והתבודדות, בעטן דעם אייבערשטן פאר זיך און פאר די משפחה, אזוי ווערט מען געראטעוועט. (עצתו אמונה נח תשפ"א)



שפעקולאציעס:
א טעראפיסט אדער א טעראריסט



מיט א טיפערן בליק:
א מעסעדזש פאר כלל ישראל



געדאנקען:
געבליבן אין סטעיישן וועיגן

# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייַנצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**


## זמנים Liberty
נח ו' חשון תשפ"ג

הדלקת הנרות........... 05:51
מוצאי שבת............ 07:20

מנחה מעריב פרשת לך ......... 06:55




**בריוון צום רעדאקציע**
באריכט פונעם באטע פרשת בראשית
**5**



**שפעקולאציעס**
טעראריסט אדער טעראפיסט
**10**



**וועלטליכע נייעס**
עוואקואציעס אריוס פון ארץ ישראל אין ליכט פון מלחמה
**9**



**געדאנקען**
געבליבן אין סטעישן וועגן
**16**



**מיט א טיפערן בליק**
א מעסעדזש פאר כלל ישראל
**22**



**בילדער אריכון**
זכרונות פון ישיבה שנת תשע"א
**36**


## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 20 | 59°/48° | | PM Showers |
| Sat 21 | 54°/43° | | Showers |
| Sun 22 | 48°/34° | | AM Showers |
| Mon 23 | 45°/30° | | Partly Cloudy |
| Tue 24 | 51°/33° | | Mostly Sunny |
| Wed 25 | 56°/41° | | Partly Cloudy |
| Thu 26 | 60°/44° | | Mostly Cloudy |
| Fri 27 | 60°/42° | | Partly Cloudy |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג
די וועטער וואס גייט זיין



# בריוו צו די רעדאקציע

## א סעמפל פון א היכל הקודש תלמיד

לכבוד דעם שיינעם קרית ברסלב בלעטל.

איך טראכט אז עס קען זיין א תועלת צו אריינשיקן די פאלגענדע מעשה. פארגאנגענעם זומער אין קאנטרי האט מיין ווייב גערופן א קאר סערוויס א אינגערמאן פון אנשי שלומינו, זי האט געדארפט עפעס ערלעדיגן אינמיטן טאג צוואנציג מינוט אוועק אין מאנטיסעלו.

די קאר איז אנגעקומען, א שיינע זויבערע קאר. קומענדיג צום אנגעגעבענעם אדרעס זעט מען אז עס איז בכלל נישט די פלאץ ווי מ'האט געדארפט אנקומען. מיין ווייב האט געמאכט עטליכע טעלעפאן קאלס און די דרייווער האט פראבירט מיט אן איידלקייט צו העלפן וויפיל ער האט געקענט. נאך צוואנציג מינוט ווארטן האט מיין ווייב געכאפט די טעות אז די פלאץ ווי זי האט געוואלט גיין איז גאר ווייט אוועק אין אן אנדערע געגענט. זי איז מורא'דיג נתפעל געווארן פון די רואיגקייט פון די דרייווער, אזא סבלנות דורכאויס די גאנצע צייט. מ'האט זיך אויסגעדרייט צוריק אהיים צו גיין אן גארנישט.

די דרייווער האט געזאגט פאר מיין ווייב אז אזא ראונד טריפ וואלט בעצם געקאסט $35 אבער אזוי ווי ער פילט שלעכט אז זי האט געהאט א טעות אין די אדרעס, וועט עס זיין $25 און דאס איז נאר 'אויב ס'איז אקעי מיט איר'. מיין ווייב האט א גאנצן צייט געטראכט צו זיך ווי קומט אזא רואיגקייט און אזעלכע איידעלע מידות און דרך ארץ פאר א בעל בתי'שע אינגערמאן. שפעטער ווען זי האט באמערקט א משניות מיט א ספר וואס האט א ברסלב'ער קרוין האט זי אלעס פארשטאנען...



איך ווייס נישט ווער די דרייווער איז, אבער עס איז א געוואלדיגע קידוש השם ווען מ'זעט ווי די טייערע שיעורים פון דער ראש ישיבה און די הייליגע לימודים פון דעם רבי'ן זעט זיך אזוי שיין אהן אויף די תלמידי היכל הקודש. אשרינו שזכינו!

א.ז.וו.

## געטוישט מיין שטוב

לכבוד די רעדאקציע פונעם בלעטל. איך וויל ארויסברענגען מיין דאנקבארקייט פארן הערליכן אויסגאבע וואס איר גיבט ארויס יעדע וואך, הגם איך וואלט געדארפט שרייבן יעדע וואך, אבער מען קומט נישט אן צו דעם, איז על כל פנים יעצט איינמאל א יאר וויל איך ארויסברענגען מיין הכרת הטוב צו אייך.

די ריינע ערליכע ברסלב'ע אויסגאבע האט אינגאנצן געטוישט מיין שטוב מן הקצה אל הקצה, אנגעהויבן ביי מיר און געענדיגט ביי מיין קליינעם. עס איז צוגעשטעלט מיט חומר פאר אלע סארט, פאר די מענער, פרויען און קינדער, און די עיקר פון אלעם איז אז עס האט אין זיך אינהאלטסרייכע אינהאלט געשריבן און אראפגעלייגט אויפן וועג וויאזוי דער ראש ישיבה לערנט אונז כסדר, וואס דאס איז א חידוש וואס איז נאך נישט געווען ביי אונז אין ברסלב.

עס בלייבט נאר איבער צו וואונטשן אז איר זאלט האבן די כוחות ווייטער צו קענען אנציען פאר נאך א יאר, מיט שיינע רייכע אינהאלט פון וואס אלע קענען ארויסנעמען שכל און עצות אויפן לעבן.

א שטענדיגע ליינער

## באטע פרשת בראשית אין שטעטל

לכבוד די חשוב'ע מערכת קרית ברסלב בלעטל,

ראשית וויל איך זיך נאכאמאל באדאנקען פאר די הערליכע בלעטל און אירע הערליכע ארטיקלען, בפרט די פארגאנגענע וואך, וואס אויפן דעקל, אלס צענטעראלע בילד, האט נישט פיגורירט א שרעקעדיגע בלוטיגע בילד פון מלחמה והמסתעף, אזוי ווי אלע צייטונגען און אויסגאבעס, נאר א דעקל וואס דערמאנט פון באשעפער, פון וועלט באשאף און די הייליגע תורה, כה לחי!

*

געלויבט דעם אייבערשטן דעם פארגאנגענעם שבת (שבת בראשית/מברכים) האבן מיר זוכה געווען אז דער ראש ישיבה שליט"א איז געווען דא אין שטעטל, און אונז באגאסן מיט חיזוק צו קענען ווייטער אנגיין אין עבודת ה' אויפן הייליגן רבינ'ס וועג.

שכח אייבערשטער איך האב זוכה געווען צו זיין ביי די באטע פרייטאג צונאכטס און געגאסן פון א שעה של קורת רוח; שיינע שמועסן, און עצות, חיזוק און הדרכה פארן לעבן און פאר עבודת ה'.

ביים ארויסגיין, נאכן באטע האט מיך דער ראש ישיבה שליט"א געפרעגט: "ווועסט ארײנשיקן די באטע פארן בלעטל...?" האב איך שוין באקומען מיין האום-ווארק, איבערגיין וואס מען האט געשמועסט ביי די באטע נאכאמאל און נאכאמאל, זיכער מאכן בעזרת השם צו געדענקען און עס קענען ריכטיג פארצייכענען.

*

אנגעהויבן האט זיך עס מיטוואך פרשת בראשית, ווען עס האט אנגעהויבן צירקולירן די פרייליכע שמועה אז דער ראש ישיבה שליט"א וועט בעזרת השם ווײלן אויף שבת אין שטעטל, מ'האט אנגעהויבן זיך צוגרייטן מיט תפילה אז מ'זאל קענען

מיטהאלטן ווי מער פונעם שבת און גוט ארײננעמען אין זיך וואס מ'וועט הערן און זען פונעם ראש ישיבה. פרייטאג איז מיין טאכטער אהיימגעקומען פון שולע גאר גאר פרייליך, די טיטשער האט געזאגט אז די וואך שבת מאכט מען דריי קוגלען, איינס לכבוד שבת מברכים, איינס לכבוד שבת בראשית און איינס לכבוד שבת ראש ישיבה! איך פרעג איר וואס הייסט לכבוד 'שבת ראש ישיבה'? זאגט זי, אז דער ראש ישיבה קומט אויף שבת... ברוך השם די שמחה איז געווען זייער גרויס (למעשה האט זיך ארויסגעשטעלט אז די טיטשער האט סתם געזאגט פאר די מיידלעך אז דער ראש ישיבה קומט אויף שבת, און די מיידלעך האבן עס אזוי פארשטאנען, אז עס איז שבת ראש ישיבה...).

ברוך השם מ'האט געקענט גוט אנציען די קינדער, אז מ'וועט זיין וואויל, מ'וועט שלאפן נאכמיטאג - וועט מען קענען גיין צו די באטע... (פון אונזער שטוב נעמט די וועג א שעה צו גיין).

מיר אלע האבן געבעטן עס זאל זיין א שיינע וועטער מ'זאל קענען כאפן א פיינע שפאציר, און ברוך השם מ'האט זיך אביסל צוגעיאגט מיט די סעודה און מ'איז אנגעקומען צו די באטע גאנץ אנהויב.

*

ווען איך בין אנגעקומען צו די באטע האט דער ראש ישיבה שליט"א געהאלטן פארן זינגען מנוחה ושמחה. דער ראש ישיבה האט דערציילט פון זיין זיידע הרה"צ רבי חנא טייטלבוים זצ"ל, אז זיין פלאץ ביים טיש איז געווען נעבן רבי'ן זכותו יגן עלינו, דער רבי האט אים געזאגט: "דא איז דיין פלאץ, זאלסט זיך פאר קיינעם נישט אויפשטעלן", און דער רבי פלעגט אים מכבד זיין צו זינגען 'מנוחה ושמחה', ער פלעגט זינגען א צאנזער ניגון, און דער ראש ישיבה האט געזינגען מנוחה ושמחה אויף דעם ניגון.

דער ראש ישיבה האט מיך געפרעגט וואס איך זאג, האב איך דערציילט די מעשה פון 'שבת ראש ישיבה', כנ"ל, אז ברוך השם מיר זענען זייער פרייליך אז מ'לייגט אריין אין די קינדער אמונת חכמים וכו', דער ראש ישיבה האט הנאה געהאט דאס צו הערן.



*

במשך די באטע האט דער ראש ישיבה כסדר גע'חזר'ט די ווערטער, "וואס איז די ערשטע זאך וואס דער נחש האט געזאגט פאר חוה? 'ס'איז נישט אזוי פשוט...'" און אזוי האט ער איר באוויזן צו מאכן זינדיגן און עסן פון די עץ הדעת. דער ראש ישיבה האט דערציילט פון זיינע שווערע מניעות בתחילת התקרבותו, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "קיינער אין היכל הקודש איז נישט דורך די מניעות וואס איך בין אדורך, בעיקר די לשון הרע'ס און ליצנות וואס מ'האט גערעדט צו מיר קעגן מוהרא"ש און היכל הקודש". דער ראש ישיבה האט דערציילט ווי מ'האט אזוי שטארק בארעדט מוהרא"ש זי"ע, אז ער האט נגיעות, און אהער און אהין, 'ס'איז נישט אזוי פשוט...' אבער, האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט: "איך האב זיך יעדן טאג געמאכט א חשבון, 'וואס באקום איך אין דעם פלאץ? שלום בית (מחשיב זיין די ווייב און איר האלטן טייער), תורה (לערנען יעדן טאג וכו'), שמחת המצוות (זיך פרייען מיט די מצוות, נישט קוקן אויף די חומרות שבה וכו'), און אזוי ווייטער', יעצט קענסטו האבן נגיעות, און ס'זאל זיין נישט אזוי פשוט, אבער אז איך באקום דא סחורה אין די הענט גייט עס מיך נישט אן, און נאכן זיך מאכן דעם חשבון זענען אלע לשון הרע'ס אוועקגעפלויגן..."

(אגב, דורכאויס די צווייטע טעג יום טוב האט דער ראש ישיבה דערמאנט ביי איינע פון די שמועסן, די חז"ל אין מסכת סוכה דף נא: "חסידים ואנשי מעשה היו מרקדין בפניהם באבוקות של אור שבידיהן", וואס פעלט אויס צו שרייבן 'שבידיהן'? נאר א מענטש קען טראכטן אז דער עיקר איז 'אבוקות של אור', מ'דארף קאכן און ברענען וכו', לערנען אונז די הייליגע חכמים, 'שבידיהן', מ'דארף קוקן וואס מ'האט אין די האנט...).

דער ראש ישיבה האט דערציילט פון א חשוב'ער גאס וואס איז געקומען אויף א באזוך אין שטעטל דורכאויס חול המועד, ער איז געקומען אינמיטן טאג אין א צייט ווען דער בית המדרש איז געווען ליידיג, אינמיטן האט ער אנגעטראפן איינעם, יענער האט אים געגעבן שלום און ער פרעגט אים וואס ער זוכט דא, זאגט ער אז ער הערט שוין די שיעורים פונעם ראש ישיבה א שטיק צייט, און ער האט געוואלט קומען זען די שטעטל, ער טראכט גאר זיך צו באזועצן דא אין שטעטל, זאגט אים יענער: "ס'איז נישט אזוי פשוט... דא קאנטראלט מען די מענטשן, און ס'איז א קולט", ברוך השם דער איד האט שוין געהערט אסאך שיעורים, און צווישן זיי שיעורים וואס דער ראש ישיבה גרייט צו פרישע מקורבים זיך צו היטן פון לצים און מענטשן וואס פארדרייען דעם קאפ, און ער רופט זיך אן: "גראדע זוך איך טאקע איינער זאל מיך קאנטראלן צו לערנען יעדן טאג, צו דאווענען שחרית מנחה מעריב מיט מנין, צו מכבד זיין מיין ווייב און אזוי ווייטער"...

*

דער ראש ישיבה האט ערוועהנט דאס וואס ער האט גערעדט ביים שיעור ליל שישי, די גמרא אין קידושין דף ל ע"א: "רבי חייא בר אבא אשכחיה לריב"ל דשדי דיסנא ארישיה וקא ממטי ליה לינוקא לבי כנישתא א"ל מאי כולי האי א"ל מי זוטר מאי דכתיב והודעתם לבניך וסמיך ליה יום אשר עמדת לפני ה' אלהיך בחורב", אז רבי יהושע בן לוי האט זיך געיאגט פארשלאכטערהייט צו טראגן זיין קינד אין חדר, אז עלטערן דארף זיך צושטעלן צום סדר היום פון די קינדער, זיי זאלן קענען גיין אין חדר, מיט אלע זייערע באדערפענישן, למשל, אז מ'האט א זון שוין נאך די בר מצוה, וואס דארף גיין אין מקוה יעדן טאג, א משפחה וואס וואוינט דא אין שטעטל, זאל מען זען אים צו ברענגען אין מקוה צופרי 03:7 און ער קען דערנאך כאפן די באס פון בית המדרש, כאטשיג דער טאטע איז נישט געוואוינט אויפצושטיין אזוי פרי, וכדומה, דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "אויב נישט צוליב די חינוך פון דיינע קינדער, צוליב וואס ביסטו געקומען אין שטעטל...?! ביימער איז דא ערגעץ אנדערש אויך..."

*

דער ראש ישיבה האט דערציילט מיט גרויס התפעלות, אז איינער פון אנשי שלומינו איז געזיצן ביי א שיעור חול המועד, בשעת דער ראש ישיבה שליט"א האט נאכגעזאגט פונעם הייליגן גר"א זכותו יגן עלינו אז די מצוה פון שמחה אום חג הסוכות, זמן שמחתינו - איז די שווערסטע מצוה (עיין בספר דברי שלום להרה"ק מסטרופקוב זי"ע, תשובות והנהגות כרך ה סי' קנב), יענעמ'ס מאמע לשון איז ענגליש, און דער ראש ישיבה האט יענעם געפרעגט צי ער פארשטייט, און יענער האט געענטפערט

ניין, ער פארשטייט נישט, דער ראש ישיבה האט דאס נאכאמאל איבערגעזאגט און פרובירט אים דאס מסביר זיין, אבער יענער האט ווייטער נישט פארשטאנען, האט אים דער ראש ישיבה געפרעגט וואס ער פארשטייט נישט, האט ער געזאגט אז ער פארשטייט נישט פארוואס די מצוה פון 'שמחה' איז די שווערסטע מצוה צו מקיים זיין... קויפן אן אתרוג איז א גאנצער עסק, בויען א סוכה איז אים גאנץ שווער, אבער שמחה... איז אים אזוי גרינג צו מקיים זיין, ער דארף גארנישט טון דערצו, ער דארף זיך בלויז פרייען מיט אלע גוטס וואס דער אייבערשטער מאכט מיט אים...

און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט: "מיינט נישט אז ער האט נישט קיין שוועריקייטן אין לעבן... יעדער האט זיך זיינע נסיונות..."

דער ראש ישיבה האט דאס מורא'דיג מפליא געווען...

*

אינמיטן די באטע האט זיך א קינד געשפילט מיט די סקרין פון די פענסטער, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דאס טאר מען נישט טון שבת, ווייל אריינלייגן און ארויסנעמען א סקרין פון א פענסטער אום שבת קען זיין א שאלה פון בונה.

*

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז א איד, א מקורב, וואס קומט פון א צווייטע חסידות האט אים געבעטן פאר ראש השנה דער ראש ישיבה זאל אים זאגן אויב ער זאל קומען קיין אומאן אויף ראש השנה, אבער ווייסנדיג די אומשטענדן פון דעם איד, די פעסטע חסידות וואו ער געהער, און זיין משפחה וואס וועלן אים מאכן גרויסע שוועריקייטן - האט אים געזאגט אז עס איז נישט פאר אים, און יענער איז טאקע נישט געקומען. און דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "ביי די שיעורים זאג איך וואס מ'האט צוטון, נאכדעם, ווען מ'פרעגט איבער פריוואט - איז שוין עפעס אנדערש..."

*

איינער פון די חשוב'ע מלמדים, ר' הערשל נרו יאיר, האט נאכגעזאגט פונעם מנהל ר' מרדכי שליט"א, אז מ'האט מסביר געווען פאר די קינדער אין תלמוד תורה אין שטעטל פארוואס עס זענען דא פאליצייאישע וואך ארום די תלמוד תורה, "ווייל די פאליציי ווייסן אז די אידן לערנען תורה, דאס איז די גרעסטע שמירה, דערפאר קומען זיי נעבן די חדר, זיי ווילן זיין באשיצט..." דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט פון דעם, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די מערכת החינוך איז זייער גוט ברוך השם, גוטע מלמדים און גוטע טיטשערס, דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט: "מ'קען שוין אביסל שמייכלען..."

*

אינמיטן די באטע איז אנגעקומען דער אויבנדערמאנטער גאסט, דער ראש ישיבה האט אים זייער מקרב געווען. דער ראש ישיבה האט געשמועסט מיט אים, אביסל אויסגעפרעגט. ער האט דערציילט פארן ראש ישיבה ווי אזוי ער איז מקורב געווארן, ער וואוינט אין איינע פון די שטַאטן, און איינמאל איז געקומען דארט א מפיץ הפצה, ער האט אים מפיץ געווען 'די ליכט פון אמונה', און קונטרסים פון מוהרא"ש ז"ע אויף ענגליש.



בתוך הדברים האט ער דערציילט אז דער רב פון די קהילה וואו ער געפינט זיך איז נישט צופרידן אז ער הערט דעם ראש ישיבה און ער קומט אין היכל הקודש... האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "פלאי הבחירה!" ווי יעדער וואס וויל מקורב ווערן צום רבי'ן דארף דורכגיין שוועריקייטן, "ס'איז נישט אזוי פשוט..."

דער ראש ישיבה האט דערציילט ווי ער האט זייער ארויסגעהאלפן דעם רב מיט זיינע קינדער, סיי ביודעים און סיי בלא יודעים, אבער היינט שמעקט אים נישט אז איינער פון זיין קהילה קומט צו אים...

דער ראש ישיבה איז אריין אין א שמועס אז עס איז זייער שווער פאר עלטערן ווען די קינדער זוכן זיך נייע וועגן אין עבודת ה', מ'האט מורא, "און מיט רעכט..." און דער ראש ישיבה האט אביסל דערציילט

פון זיינע שוועריקייטן, בתחילת התקרבותו, ווי ער האט שוין פון די דרייצן יאר געוואלט מקורב ווערן צו אנשי שלומינו, און די איסערגעוועונליכע שוועריקייטן וואס ער האט געהאט אין אנהויב, ווי פריער דערציילט אביסל.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מוהרא"ש האט זיך אויך געוואונדערט אויף זיינע שווערע מניעות, און איינמאל האט ער אים געזאגט: "ס'מוז זיין אז דו ביסט א הויכע נשמה..."

*

דער ראש ישיבה האט אים איבערגעזאגט די ווארט, דאס וואס שטייט אין מדרש, אז בית שמאי און בית הלל האבן זיך געקריגט וואס איז באשאפן געווארן ערשט, די הימל אדער די ערד, איז געקומען רבי שמעון בר יוחאי און געזאגט, אז ער פארשטייט נישט וואס זיי קריגן זיך, עס איז באשאפן געווארן צוזאמען, אזוי ווי א טאפ מיט א דעקל. און דער ראש ישיבה האט אים מסביר געווען, בית שמאי האלטן אז מ'דארף זיך אינגאנצן אפשיידן פון די וועלט, נאר לעבן אין רוחניות, זיין אגאנצן טאג אין שול, לערנען און דאווענען, ווידעראום בית הלל האבן געזאגט, אז מ'קען יא עוסק זיין אין גשמיות, ארבעטן וכו', איז געקומען רבי שמעון בר יוחאי און געזאגט, אז ס'איז איין זאך, נעם אריין דעם אייבערשטן אין אלעס וואס דו טוסט, קענסט עסן, טרינקען, האבן א שיינע קאר, שיינע הויז, גיין אויף וויקעישן, האבן פאן, טשילן - מיטן אייבערשטן, דאס איז רוחניות מיט גשמיות צוזאמען.



דער ראש ישיבה האט געזאגט ס'איז א טעות וואס מענטשן מאכן אז אויב מ'וויל זיין קאאל, מ'וויל זיך אויסלופטערן - גייט עס אויפן חשבון פון די תורה, פונעם אייבערשטן, אבער באמת קען מען זיין קאאל און נאכאלץ לייגן תפילין, און אזוי ווייטער.

דער ראש ישיבה האט זיך געוואנדן צו ר' משה ארי', וואס שרייבט די "געדאנקען" רובריק אינעם בלעטל, ער זאל מאכן א ארטיקל "א רענצל פון גשמיות און רוחניות צוזאמען..."

*

במשך די באטע האט דער ראש ישיבה זיך אינטערעסירט וואס מ'האט געזען די וואך אין עצתו אמונה, פון די בריוון וואס אנשי שלומינו האבן זיך אנגערופן ציילט זיך דער בריוו אין איש אמונות עמוד ז' "ווען האט דער רבי אנטפלעקט דעם ספר המדות?" און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "ביים רבי'ן שיינען אלע אותיות פון די אלף בית", דער בריוו אויף עמוד ט"ו: מעג איך אוועקגיין פון היכל הקודש?" אינמיטן ברענגט דער ראש ישיבה א חידוש פון מוהרא"ש אויף די גמרא וואס דערציילט פון יונתן בן עוזיאל, דער ראש ישיבה האט הנאה געהאט אז אנשי שלומינו האבן געדענקט דעם חידוש. דער בריוו אויף עמוד י"ח: "זינג אין עוד מלבדו", עמוד י"ט: "קיינער איז נישט פארזיכער צו בלייבן ביים צדיק".

*

ביים סוף האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער האט היינט גערעדט אויפן טעלעפאן מיטן מנהל ר' אברהם משה און ער האט אים געפרעגט וואו ער איז, האט ער געזאגט "צווישן די ביימער..." מאכנדיג התבודדות, און ר' אברהם משה האט זיך אנגערופן אז רעדנדיג מיטן ראש ישיבה האט זיך אויך געהערט ווי דער ראש ישיבה גייט צווישן ביימער און בלעטלעך... האט דער ראש ישיבה געזאגט, אמת, איך הייב נישט אן מיין טאג אן התבודדות.

*

הרבה יותר ממה שכתבתי - האבן מיר זוכה געווען צו הערן און זען, ווער רעדט נאך פון די געפיל פון שמחה און רואיגקייט פון שבת קודש וואס מ'שפירט ביים ראש ישיבה, און וואס ער ברענגט אויך אריין אין אונז, אבער דאס איז וואס איך געדענק דערווייל.

*

נאכאמאל, א גרויסן יישר כח פאר די הערליכע בלעטל.

יואל שניצלער, קרית ברסלב

# Sunday school!



**Snack and lunch will be provided**
**come & enjoy!!**

**Hours** 11 to 3
**Price** 12 per kid for 3 sisters or more it's 10 per kid
If you send 4 weeks in a row it's 10 per Sunday
**Ages** pre-nursery to 3rd grade

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער



## עוואקואציעס ארויס פון ארץ ישראל אין ליכט פון מלחמה

טויזנטער חרדישע אידן פון איבער די וועלט וועלכע האבן געוויילט אין ארץ ישראל האבן זיך געפונען אין א שווערע סיטואציע אין די טעג בלייבענדיג שטעקן אין ארץ ישראל אינעם שווערן מלחמה זושטאנד. דער קריג וואס האט אויסגעבראכן פארגאנגענעם שמחת תורה אין וואס שווערע הונדערטער אידן זענען ליידער געשלאכטעט געווארן כצאן לטבח דורך בלוט דורשטיגע רוצחים האט נישט געקענט פאסירן אין אן שווערערע צייט פאר די צענדליגע טויזנטער חוץ לארץ'דיגע געסט וועלכע זענען געקומען קיין ארץ ישראל צו די פילע רביים אדער צו משפחה.

טראצדעם וואס אפיציעל איז דער לופטפעלד אין תל אביב פולשטענדיג אפן, האט אבער דער קריג צוגעברענגט אז רוב רובם פון די לופטלינעס אריינגערעכנט אלע גרויסע אמעריקאנער עירליינס ווי אמעריקען, יונייטעד, דעלטא האבן תיכף געקענסעלט זייערע פלייטס, מורא האבנדיג אז א מיסל אדער א ראקעט זאל נישט טרעפן זייערע פליגערס, וואס דאס האט זיך נאר מער און מער פארערגערט מיט יעדן דורכגייענדן טאג, און פילע וואס האבן ריסקעדזשולט א טיקעט פאר גאר טייערע פרייזן האבן פלוצלינג באקומען א הודעה פונעם עירליין אז אויך דער נייער פלייט איז אפגערופן.

די אלע משפחות מענער ווייבער און קינדער האבן זיך שוין געוואלט זען אינדערהיים סיי צוליב די כולל, ארבעט, ישיבה, חדר און סקול, און בפרט זוכט מען נישט צו זיין אוועק פונדערהיים אין א מלחמה צייט. אידישע קינדער האבן מתפלל געווען מען זאל קענען אנקומען איים, און צוביסלעך האבן פילע לענדער אנגעהויבן צו שיקן פליגערס אהיים צו נעמען זייערע בירגער אנגעהויבן פון פוילן, בעליגע, פראנקרייך און נאכגעפאלגט מיט קאנאדע.

אבער וויבאלד רוב פון די חוץ לארץ'דיגע געסט קומען אבער פון אמעריקע און ענגלאנד איז דאס בכלל נישט געווען קיין ישועה, אבער נאך אסאך תפילות האט דער אויבערשטער געהאלפן אז ביים סוף האבן סיי אמעריקע און סיי די יו.קעי. געמאלדן אז זיי גייען אויך עוואקואירן זייערע בירגער, און אלע איינוואוינער פון זייערע מדינות זאלן זיך מעלדן צו די אויסערן דעפארטמענט ווי מען וועט זיי העלפן אנקומען אהיים.

אויך האט די וואוילטעטיגע צדק ארגענעזאציע צוגעשטעלט פליגערס קיין לאנדאן.

אידישע קינדער געפונען זיך אין גלות צווישן די אומות העולם און זענען מתפלל אז אונזער טאטע אין הימל זאל זיך שוין דערבארימען אויף אונז, מיר זענען אלע אין א שרעקליכע מלחמה זאנע, דער סמ"ך מ"ם באשיסט אונז מיט שמוציגע באמבעס ער ברעכט אויף די חומות פון אונזערע הייזער, טאטע און הימל מיר קענען נישט מער, אזוי וועלן מיר זיכער פועלן אז ער זאל שוין שיקן משיח צדקינו מיטן אדלער און אונז עוואקואירן צום בית המקדש השלישי, ווען עס וועט מקויים ווערן דער פסוק "לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה", און דער פסוק "וגר זאב עם כבש ונמר עם גדי ירבץ ועגל וכפיר ומריא יחדיו ונער קטן נהג בם" בביאת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

**ואשא אתכם על כנפי נשרים ואביא אתכם אלי**

הרב אברהם משה שטראססער

# שפעקולאציעס



## א טעראפיסט אדער א טעראריסט

געמיינט האב איך אמאל
עס איז נישט דא קיין חילוק
עס איז די זעלבע זאך
א **טעראפיסט** א **טעראריסט**.

וואס לכאורה איז עס טאקע אזוי,
ביידע זענען דא אויף איין זאך,
צוברעכן און אומגליקליך מאכן מענטשן,
אוועקנעמען לעבנ׳ס,
הרג׳ענען אומשולדיגע פערזאנען.

אבער נאך אביסל שפעקעלירן האב איך געזען
ניין וואס עפעס.

א **טעראריסט** פראבירט צו הרג׳ענען
אבער רוב מאל געלונגט עס אים נישט!
א **טעראפיסט** ווייטער ליידער רוב מאל געלונגט עס יא!

מיט א **טעראריסט** זיצט מען נישט ביים פארהאנדלונגס טיש
און מיט א **טעראפיסט** זעצט מען זיך לכתחילה צום טיש.

א **טעראריסט** איז א מיליטער אן קיין לייסענס און באשטעטיגונג פונעם רעגירונג.
א **טעראפיסט** האט א פולע באשטעטיגונג און לייסענס פונעם רעגירונג.

א **טעראריסט** לייגט אריין קאפ און מח אויסצופירן זיינע בייזוויליגע פלענער
א **טעראפיסט** ווערט נאר איינער וואס איז אים ליידיג די מח.

פאר די **טעראריסטישע** גרופעס פרירט מען איין די פארמעגענס
פאר די **טעראפיסטן** ספענדט מען אויס די גאנצע פארמעגן.

**טעראריסטן** רייסן זיך זעלבסט אויף
**טעראפיסטן** רייסן נעבעך אויף זייערע פאציענטן.

אז עס געלונגט שוין יא פאר א **טעראריסט** צו הר׳גענען מענטשן,
באשטראפט מען אים, מען צוברעכט אים זיין הויז
דער **טעראפיסט** אינעם ערשטן סעשאן צוברעכט ער דיך דיין שטוב.

א **טעראריסט** גייט כאטש מיט זיין מסורה
א **טעראפיסט** גייט אנטקעגן די מסורה

זענען זיי דען נישט אייניג? אבער נאך ווי!

**דער אייבערשטער זאל אונז היטן פון זיי ביידע!**

**השם יקום דמם**





## היכל הקודש

# נייעס

קרית ברסלב

### מעשה'לעך פאר קינדער נומער צוויי גייט בעזרת השם צום דרוק



זינט דער ביכל 'מעשה'לעך פאר קינדערלעך' איז ארויס מיט בערך א יאר צוריק איז עס פון די בעסט גייענדע ארטיקלען ביי די מפיצים, דער ביכל מיט הערליכע מעשיות אזוי ציענדיג אראפ געלייגט מיט הערליכע קאליריטע בילדער אויף גלאנציגע פאפיר מיט שיינע גרויסע אותיות מנוקד האט א געוואלדיגע צוזאוגנגס קראפט, און עס איז דא דערויף א גאר גרויסע פארלאנג, במשך די צייט האבן די מדפיסים אריינגעלייגט כוחות אויף נאך פילע פראיעקטן אינעם סעריע פון מעשה'לעך ווי די אידיא, קאלערינג ביכל און די ענגלישע ווערסיע פון מעשה'לעך, וואס אלעס ווערט צוכאפט פון די מפיצים, און איז באמת פון די חשובס'טע פראיעקטן פונעם בית הדפוס צוליב וואס דאס צילט די קינדערלעך וואס האבן נאך מער תמימות אין זיך אזוי אז די קומענדיגע דור וועט בעזרת השם אויפוואקסן מיט די מעשיות דערציילט דורכן ראש ישיבה וועט אריינבאקן אין זיי די ריינע אמונה, אז דער אויבערשטער איז דא און מען קען רעדן צו אים, א ליבשאפט צו די מצוות אויך די וואס מען טוט יעדן טאג, מידות טובות - רעדן שיין, טראכן גוט און העלפן א צווייטן איד.

יעצט ביים ענדע פון חודש תשרי איז שוין אלע מעשה'לעך נומער איינס אינגאנצן אויסגעגאנגען, דער ריזיגער סטאק וואס מען האט געדרוקט איז שוין מער נישטא צו באקומען, די זעלבע זאך איז מיט די ענגלישע Little Stories וואס איז שוין אויך נישטא צו באקומען.

דערפאר איז עס א געוואלדיגע נייעס אז יעצט גייט צום דרוק 3 ביכלעך אין די זעלבע צייט, סיי די ערשטע ביכל אויף אידיש, אזוי אויך די ערשטע קאלערינג ביכל אויף אידיש, אבער די גרעסטע נייעס איז אז ענדליך גייט מען שוין צום דרוק אויף די "מעשה'לעך פאר קינדערלעך נומער צוויי", וואס וועט אזוי ווי דער ערשטער האלטן געשפאנט די קינדער מיט די הייליגע לויטערע מעשיות פון די פריערדיגע צדיקים, אראפ געלייגט אזוי צוגעלאזן און געשמאק דורכן ראש ישיבה שליט"א, וואס מאכט זיכער בסייעתא דשמיא אריינצולייגן חינוך'דיגע מעסעדזשעס צווישן די שורות, ווען די קינדערס הערצלעלעך זענען אפן און הערן זיך צו צו די גאר דראמאטישע סיפורים גייען די מוסר השכל אריין אין זייערע הערצער זיסערהייט וואס וועט זיי באגלייטן דעם גאנצן לעבן.

דער צווייטער ביכל אנטהאלט די פאלגענדע צען שיינע מעשיות, זיך קיינמאל נישט פארלירן, וויאזוי ווערט מען א צדיק? איך גיי צום רבי'ן, ביים ציון פון הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו, די פישעלעך טאנצן אריין אינעם שיף, פטור געווארן פון די הינט, ווי אזוי דארף מען בעטן דעם אייבערשטן? א געפיל אין רבי'ן, זיך דערהאלטן, לאז דיך נישט נארן.

די גאנצע ארבעט ווערט דורכגעפירט מיט די כסדר'דיגע הדרכה און איבערזיכט פון ראש ישיבה שליט"א דורך די געטרייע און איבערגעגעבענע "מכון עצתו אמונה" וואס האט אריינגעלייגט טעג און וואכן אז עס זאל מיטן אייבערשטנ'ס הילף ארויסקומען א הערליכע געלונגענע ביכל. מען האט אויפגענומען גאר ערפארענע דרוקערס, מעלערס און גראפיקער, מען האט עס געדרוקט אויף גאר גוטע קוואליטעט פאפיר, און עס לעמינעטעד עס זאל זיך האלטן לענגער פאר די אינגע קינדער וואס וועלן זיך מחיה זיין מיט די הערליך פאכמאניש געמאלענע בילדער.

מען קען נאך האבן די זכי' צו ספאנסערן די ענגלישע ביכל, פאר די ענגליש רעדנדע ציבור וואס איז פיל מאל גרעסער ווי מען קען זיך נאר פארשטעלן, וואס די ביכלעך ווערן צוכאפט דורך זיי ווי א דורשטיגער אין א מדבר.

ווער עס וויל האבן די זכיה עס אפצוקויפן קען רופן דעם גבאי מו"ה לייב ראטה הי"ו אויף 718-387-2691 עקסטענשאן 103 אדער אויף אימעיל donate@keren-hadfusa.com375.

# שטעטל נייעס

## סקול שטייערן געניידערט ברוך השם

- Total Budget: $66,296,362
- Proposed Budget Change: $$8,753,105 (+15.21)
- Proposed School Tax Levy: $17,760,162
- School Tax Levy Change: -$1 million or -5.33%

**REVENUES**

- Property Taxes: $17,760,162
- State Aid: $46,800,000
- Fund Balance: $0
- Reserves: $0
- Other: $1,736,200
- Total: $66,296,362

אין די לעצטע פאר יאר פון ווען אנשי שלומינו האבן זיך אהער געצויגן אין ליבערטי, מוטשעט מען זיך מיט די הויכע סקול שטייערן וואס מען צאלט מער ווי געוועהנליך. דער ראש ישיבה האט געשטעלט די הנהלה זיך אריינצולייגן דערין און זען וואס מען קען טון עס צו אראפברענגען.

גלייך האט מען געטון די ערשטע השתדלות וואס דאס איז 'תפילה', מען האט געבעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל אנהייבן צו רעכענען ווייניגער שטייערן אויף די הייזער, און ווי אויך מען זאל קענען האבן די ריכטיגע שפראך ביי די שטאטישע באאמטע זיי צו געבן צו פארשטיין אז דאס קען נישט אזוי ווייטער אנגיין, און די נומבערס דארפן אראפקומען.

מען איז אריבער צו זיי, און געזיצן מיטינגען ארויסברענגענדיג פון אונזער קוק ווינקל וואס מיר האלטן דערוועגן. דערנאך איז אריבער א שטיק צייט וואס מען האט נישט געהערט פון זיי, מען האט נישט געוויסט אויב מען האט עפעס אויפגעטון.

למעשה האט זיך ארויסגעשטעלט אז די תפילות און פעולות האבן אויפגעטון ברוך השם, און די טעקסעס איז טאקע היפש אראפגעגאנגען, הגם עס קען נאך זיין בעסער, אבער קודם פרייען מיר זיך וואס מיר האבן יעצט.

די טעקסעס איז געווארן אראפגעברענגט מיט פינף פראצענט, וואס די סעווינגס וועט מען קענען זען אויף די טעקס ביל וואס קומט אן אויף די פאסט.

אין די געלעגענהייט ווילן מיר מעלדן אז די שטאט האט א סטאר פראגראם וואס גיבט צוריק בערך $600 פאר די טעקסעס וואס מען האט געצאלט. אויב באקומט איר דאס נישט קענט איר זיך מעלדן צו די הנהלה און מען וועט אייך ארויסהעלפן דערמיט מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

## הנהלה זיצונג ביים ראש ישיבה שליט"א



פארגאנגענעם דאנערשטאג איז פארגעקומען א הנהלה מיטינג ביים ראש ישיבה, ווי מען איז איבערגעגאנגען וויכטיגע פרטים פארן עתיד פון די קהילה.

מען איז איבערגעגאנגען די פלענער פון פרישע בנינים פאר די תלמוד תורה אין שטעטל, ווייל די וואוקס פון די חדר און סקול מערט זיך שנעל קע"ה, און מען האט שוין נישט קיין פלאץ פאר פרישע קינדער וואס קומען אריין יעדע שטיק צייט אינעם מוסד. מען איז איבערגעגאנגען אלע אפציעס וואו און ווער מען זאל בויען אדער קויפן א בנין פאר די תלמוד תורה, און ווי גרויס די בנין זאל זיין, די קלאס צימערן, די לאנטש רום און אזוי ווייטער.

אז מען רעדט שוין פון די מוסד איז וויכטיג אנצומערקן די געוואלדיגע שינוי לטובה וואס איז געווארן היי יאר מיטן אנקום פונעם מנהל מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א, וואס האט איבערגענומען די ארבעט אין חדר מיטן גאנצן שטארקייט, איבערגעבנדיג אלע אנדערע זאכן וואס ער האט געטון ווי למשל די קול ברסלב האטליין און די באוואוסטע 'גליון היכל הקודש' פאר אנדערע, אלעס כדי די קאפ און מח זאל זיין ביי די קינדער אין די מוסד, מען זאל קענען מאכן זיכער אז יעדן קינד איז מצליח, וואס דאס איז ביים ראש ישיבה די וויכטיגסטע זאך און די שווארץ אפעל פונעם אויג. אויב עלטערן האבן א פראבלעם אינעם חדר קען מען זיך אלץ מעלדן צום מנהל שליט"א, און ער וועט פון דעם קעיר נעמען,

עס איז קיינמאל נישט כדאי צו רעדן מיט אנדערע איבער פראבלעם וואס מען האט אינערהאלב די מוסד, דער מנהל איז אלעמאל גרייט צו אויסהערן און פאררעכטן אויב מען דארף עפעס פאררעכטן.

אויך האט מען גערעדט ביי די מיטינג פון אויספאלגן די געזעצן פון די שטאט ווען עס קומט צו בויען, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אויף די פלאשינג גאס אין ווילימסבורג איז מיט יארן צוריק געווען א קליין וואסערל, וואס מען האט דעמאלט געמיינט אז מען האט עס באזייטיגט, אבער יעצט ביים גרויסן רעגן ערב סוכות איז עס צוריק ארויפגעקומען, און געברענגט גאר אסאך שאדן, במילא דארף מען זען נישט אויסצושפילן די געזעץ, נאר אלץ פאלגן וואס זיי בעטן.

אויך האט מען דיסקוסירט וועגן די מצה בעקעריי ווען מען זאל אנהייבן די ארבעט היי יאר, און אזוי אויך אויב מען זאל צולייגן מער ארבעטערס, ווייל פאריאר איז נישט געווען גענוג מצות פאר אלעמען.

אויך האט מען גערעדט וועגן הייזער אין שטעטל, יעצט איז די מארגעדזש ראטע זייער הויעך, במילא איז זייער שווער צו קויפן הייזער, מען איז איבערגעגאנגען אפאר אפציעס, איינס פון די אפציעס האט דער ראש ישיבה געזאגט אז אפשר זאל מען מאכן אזוי ווי ביי די אונגערישע הייזער אין מאה שערים, מען האט דעמאלט געדארפט הייזער פאר די כולל אינגעלייט אין ירושלים, האט מען גענומען א געגענט פול מיט ביימער און עס האט זיך געדרייט דארט אסאך חיות. דער פילאנטראפ ר' משה מאנטיפיורי האט דאס מנדב געווען. מען האט דארט געבויעט א חצר וואס פירט אריין צו א אנדערע חצר איינס אינעם צווייטן כדי עס זאל זיין אפגעהיטן פון די חיות וואס האבן זיך געדרייט דארט, אויך איז געווארן אהערגעשטעלט אז די הייזער גייט אריבער צו די קינדער און אזוי ווייטער.

אזוי אויך איז געווארן נאך אסאך פרטים פאר די עתיד פונעם שטעטל.

אין דעם געלעגנהייט טוען מיר זיך באדאנקען פארן ראש ישיבה מיט די געטרייע הנהלה וואס ארבעטן טאג און נאכט אז די קהילה און די הייליגע מוסד זאל זיך בויען אויפן שענסטן און בעסטן אופן וואס איז נאר שייך, עס זאל זיין גוט פאר אונז און די קינדער, אז מיר זאלן קענען דינען דעם אייבערשטן אויף די וועג וואס דער רבי לערנט אונז. דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן מיט אלעס גוטס.

צו סוף איז וויכטיג צו באמערקן וואס דער ראש ישיבה זאגט שטענדיג "אין שטעטל וועט נאך זיין טויזענטער משפחות, אבער נאר אויב מען וועט זיך ליב האבן וועט מען קענען מצליח זיין".

## מען מאכט איבער די ראודס אין שטעטל



אין די יעצטיגע טעג ווערט איבער געמאכט די ברידזש ביי איסט מאנגאופ נאך די האשקי גאס, מען פלאסטערט איבער דעם ברידזש. ביטע זעט צו אויספאלגן די אנווייזונגען פון די ארבעטערס אויפן פלאץ.

אויך האבן די באאמטע געלאזט וויסן אז ביים איסט מאנגאופ גאס הארט נאכן איסט מאנגאופ ברידזש האט מען באשטעלט אזא סארט אייזערנע צוים וואס מען לייגט ביי די זייט פון די ראודס ביי געוויסע פלעצער, ווי למשל אויפן 17 קען מען דאס אסאך זען, וואס דאס איז צו פארמיידן מען זאל נישט אריינפאלן ביים זייט פונעם ראוד, בפרט דא איז דאס זייער וויכטיג צוליב די שטארקע טיפע בארג אראפ ביים זייט פונעם ראוד.

די צוים איז שוין געווארן באשטעלט פאר א לאנגע צייט צוריק, אבער עס נעמט גאר לאנג ווילאנג די קאמפאני מאכט דאס און דעליווערט דאס, יעצט געבן זיי איבער אז אין די נאנטע טעג וועט עס אנקומען אי"ה און ווערן אינסטאלירט.

## פאליציי ביים חדר און בית המדרש אין שטעטל



אין די טעג ווערט געזען פאליציי ביי די תלמוד תורה בנינים און אזוי אויך ביים בית המדרש, דאס איז נישט ווייל עס איז דא עפעס וואס די שכנים ווילן עפעס חס ושלום שלעכטס טון, נאר פשוט צוליב די פאסירונג וואס האט פאסירט אין ארץ ישראל, ווען די גוים פון עזה זענען אריינגעקומען אין ארץ ישראל און אנגעזייעט א חורבן לא עלינו. פארשטייט זיך אז מיר פארלאזן זיך נאר אויפן אייבערשטן, און נישט אויף די פאליציי און דאס גלייכן.



# „מעשיות פון תפילה"

### אשר לעמל זוסמאן - קרית ברסלב:

**א)** מיין ציין האט אנגעהויבן זייער ווי' טון בערך א חודש פאר'ן פארן קיין אומאן, איך האב געוויסט אז איך דארף דאס ארויסשלעפן, אבער למעשה בין איך נישט אנגעקומען דערצו. אויך האט איין דאקטער געזאגט אזוי און דער אנדערער האט געזאגט אנדערש. אבער דא האב איך מיר געטראפן אז מען פארט שוין אויף אומאן און זיך ארומדרייען אין אומאן מיט ציין ווייטאג האב איך נישט געזען פאר קיין אפציע.

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל וויסן וואס איך דארף טון, וועלכע דאקטער איך זאל אויסהערן. נאכן בעטן דעם אייבערשטן האט מיר דער אייבערשטער אריינגעשיינט איך זאל צוריק רופן איין געוויסע דאקטער און ער האט מיר געזאגט איך זאל נישט פרובירן פאררעכטן די ציין נאר עס אינגאנצן ארויסשלעפן, אבער ער האט נאר א אפוינטמענט פאר מיר הערשט אינמיטן ווינטער... אוי באשעפער זיסער וואס טוט מען דא ווייטער?

למעשה האט מיר דער אייבערשטער געגעבן די שטארקייט און איך געב אים א זאג "אפשר איז נאך היינט שייך אן אפוינטמענט, איך קען נישט ציען אזוי ווייטער". נאכן בעטן אזוי שיין האט ער מסכים געווען צו קוקן אינעם קאלענדאר, ער גיבט א קוק אריין און ער זאגט "אויב דו קומסט יעצט אריבער קען איך עס מאכן פאר דיר". איך בין גלייך אריבערגעפארן אהין א וועג פון א שעה, און ברוך השם ער האט דאס ארויסגעשלעפט און עס האט זיך שיין פארהיילט.

**ב)** איך בין געווען ביים חלוקה אין וויליאמסבורג, איך האב מיר געכאפט אז איך דארף נאך דאווענען מנחה, אבער דא בין איך אין די שורה און איך וויל נישט פארלירן די שורה וואו איך שטיי. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נאך יא קענען דאווענען מנחה פארן זמן.

איך האב געזען עס ווערט גאר שפעט בין איך ארויס פון די שורה דורך א זייטיגע געסל, און געגאנגען צו א אנדערע גאס וואס פון דארט האט מען געקענט אנקומען שנעלער צו די חלוקה, ברוך השם מען האט מיר דארט אריינגעלאזט אין דעם גאס. גלייך נאכן באקומען די חלוקה באקסעס בין איך געפארן צום נענסטן שול, איך האב געכאפט דעם לעצטן מנין מנחה ברוך השם.

### יואל וועבערמאן - קרית ברסלב:

איין פרייטאג צונאכטס האבן אונז עפעס אריינגעלייגט אין פריזער וואס ליגט אויפן ערשטן שטאק פון די דירה, נישט באמערקענדיג אז די פריזער איז אביסל געבליבן אפען. ממש סוף שבת האט מען עס באמערקט, אבער מען האט שוין געהערט אז עס מאכט עפעס א הויכע גערודער, זעט אויס די מאשין האט שווער געארבעט און עפעס האט זיך צובראכן אינעווייניג.

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז די פריזער זאל נישט זיין צובראכן, עס איז א טייערע מאשין, איך האב נישט יעצט די געלט צו קויפן א נייע פריזער.

למעשה האב איך עס אויסגעפלאגט און דערנאך צוריק איינגעפלאגט און פלאי פלאים די גערודער איז אוועק געגאנגען כאילו לא הי'. שכח אייבערשטער

### מנחם שטיינבערג - קרית ברסלב:

עס איז טאקע א מעשה פון פאריגע חודש, אבער עס איז נאך אלס אינטערעסאנט צו פארציילן. איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען זאגן סליחות מיט מנין יעדן טאג נאכדעם וואס די מנין סליחות פאריאר איז נישט געווען אזוי מסודה.

שכח אייבערשטער אז דאס יאר איז געווען מנין יעדן איינציגסטן טאג, דער דיין שליט"א איז געקומען זאגן סליחות מיטן ערשטן מנין, וואס דאס האט גאר שטארק צוגעגעבן צו די הצלחה פונעם מנין.

# א בריוו
### פונעם ראש ישיבה שליט"א



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת נֹחַ, ה' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, שֶׁיִּחְיוּ.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ אַייךְ, אִיךְ פְּרוּבִיר יֶעצְט צוּ בַּאקוּמֶען רְשׁוּת אַרַיין צוּ קוּמֶען; קֶען זַיין אִין דִי נָאנְטֶע טֶעג וָועל אִיךְ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִיךְ וֶועל זַיין אִין צְוֵויי פְּלֶעצֶער, אִין יַבְנְאֵל, אוּן אִיךְ קוּם צוּ אַייךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִיךְ וִויל זִיךְ בַּאקֶעגְנֶען מִיט אַייךְ פוּן דֶער נָאנְט.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וִויפִּיל גְרוֹיסְן מֶען הֶערְט אוֹיף דִי נֵייעֶ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם, אַלֶע זָאגְן אַז **דָאס אִיז אַ פְרֵיינְטְלִיכֶע פְּלַאץ**, מֶען נֶעמְט אוֹיף זֵייעֶר שֵׁיין יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן אַלֶע דִיבּוּרִים אִיז נָאר פוּן תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אֵיינֶער פַאר'ן צְוֵוייטְן; דָאס גֶעבְּט מִיר חַיּוּת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין, אַז אִיךְ זֶע מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

פְּרוּבִירְט צוּ בַּאווייזְן וָואס קֵיינֶער הָאט נָאךְ נִישְׁט בַּאוִויזְן, בַּיי אַייךְ זָאל מְקוּיָּם וֶוערְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): **"הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ"**, דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְשַׁאפְט וָואס וֶועט זַיין צְוִוישְׁן אַייךְ; מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט זָאגְן, לֵיידֶער לֵיידֶער אִיז דֶער שִׂיחָה נָאכְנִישְׁט מְקוּיָּם גֶעוָוארְן, פְּרוּבִּירְט עֶס זָאל מְקוּיָּם וֶוערְן בַּיי אַייךְ, אַלֶע זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אִין דִי וֶועלְט מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְן נָאר וֶוען מֶען אִיז **בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**, כָּל זְמַן מֶען וִויל נָאךְ עֶפֶּעס קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט לִיבּ הָאבְן; דָאס אִיז סַיי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן סֵיי מִיט מִשְׁפָּחָה, מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן מִיט זִיךְ אַלֵיינְס. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל גָארְנִישְׁט, דַארְף גָארְנִישְׁט אוּן הָאט גָארְנִישְׁט, דֶעמָאלְט הֵייבְּט עֶר אָן שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מֶענְטְשׁ קֶען לִיבּ הָאבְן זִיךְ אַלֵיינְס, זַיין וַוייבּ, זַיינֶע קִינְדֶער, מִשְׁפָּחָה אוּן אַלֶעמֶען.

דִי וָואךְ הָאבְן מִיר אִין דִי פַּרְשָׁה אַן עֵצָה וָואס מֶען קֶען טוּן וֶוען עֶס גֵייט אַ מַבּוּל. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר נֹחַ: **מַאךְ זִיךְ אַ תֵּיבָה**, נֶעם אַרַיין דַיין מִשְׁפָּחָה - אַזוֹי וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם מַבּוּל. **דִי תֵּיבָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיף תְּפִלָּה**, אַז מֶען וִויל וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן דַארְף מֶען זִיךְ אַרַיין טוּן אִין תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי מִשְׁפָּחָה, אַזוֹי וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, טַייעֶרֶע בְּרִידֶער, שְׁטַארְקְט אַייךְ אִין תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ אַיין צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי פָּשׁוּט'עֶ שְׁפְּרַאךְ וָואס אִיר זֶענְט גֶעווֹאוֹינְט צוּ רֶעדְן, רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אִיר רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט, גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אִים.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְךְ דִי הַנְהָגָה, מֶען בַּאקוּמְט אַן אַנְדֶערֶע מֹחַ, מֶען בַּאקוּמְט אַן אַנְדֶערֶע קוּק אוֹיפְ'ן לֶעבְן, אַלֶעס טוֹישְׁט זִיךְ וֶוען מֶען נֶעמְט זִיךְ אַרוּם מִיט דִי תֵּיבוֹת הַתְּפִלָּה, מֶען וֶוערְט אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

# א שיחה
### פון דער ראש ישיבה שליט"א



## מלחמה

**אין א שמועס וועגן די מצב אין ארץ ישראל האט דער ראש ישיבה געזאגט:** פון ווען מ'האט געהערט די נייעס אין ארץ ישראל האב איך עס נישט געקענט דערהייבן, אום יום טוב האב איך עס נישט ארויסגעוויזן, עס איז נישט קיין חילוק וועלכער איד דאס איז, נארישע מענטשן זאגן אז עס איז א מצוה זיי זאלן ווערן גע'הרג'עט חס ושלום, מען טאר נישט אזוי זאגן, דאנק דעם אייבערשטן אז דיין נשמה איז אריין אין א שטוב וואס דיינע עלטערן האבן דיר געגעבן א גוטע ערליכע חינוך, וואס זאל ער טון אז ער איז ליידער אויפגעוואקסן אין א שטוב וואס דריי דורות לערנט מען זיי נישט קיין חינוך פון שמע ישראל?

מען דארף בעטן דעם אייבערשטן פאר אלע אידישע קינדער. ווען עס האט פאסירט אז די אראבער זענען געקומען טשעפען אידן האט מוהרא"ש געזאגט מען זאל זאגן תהילים קאפיטל פ"ג. אזוי אויך זאל מען א גאנצן טאג בעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער היט אידן, באשעפער היט אידן, אידן זענען א טייער פאלק, היט זיי".

אז מען דארף אריינלויפן אין בונקער ווען די פייפערס צינדן זיך אן, לויפט מען אריין אבער אן קיין פאניק און בהלה, מען דארף וויסן שטענדיג אז ער אייבערשטער היט אויף אונז, הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל, ד' שומריך ד' צלך על יד ימינך.

(שיעור ערב שבת בראשית, שנת תשפ"ג)

# געדאנקען

משה ארי' שניצלער

# געבליבן אין סטעישן וועיגן



סי'געווען ברוך השם א הערליכע חודש תשרי, אלע טעמים, ממש יום שבתון אין לשכוח, זכרו כריח הניחוח!!

איך בין געווארן גוט גוט פארשעמט פון די גרויסע חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיט מיר אז מ'קען האבן אזא מין הערליכע געשמאקע חודש, אנגעפיקעוועט מיט די ריכטיגע סחורה, אנגעפולט מיט קרבת אלוקים, אנגעשטאפט מיט אייבערשטער און אייבערשטער און נאך אייבערשטער.

וואו זאל איך אנהייבן..... סליחות.... הכנות ל'אומאן.... דער ראש ישיבה'ס שמייכל צו אלע געסט אין אומאן, פדיון נפש, די וואויל באקאנטע גולאש מיט רייז וואס ווארט אונז אפ אין אומאן נאך די לאנגע נסיעה. אונזער הערליכע מערבית-בעל-תפלה מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו פלעכט צונויף מיט זיין זיסע שטימע די הערליכע ספרד'ישע תנועות ביי "אחות קטנה", די ערשטע ראש השנה'דיגע מעריב.



דער ראש ישיבה וואונטשט דעם עולם ביי לשנה טובה "דינען דעם אייבערשטן בשמחה! בשמחה! נאר פריילין!", די סעודות, די שהחיינו פירות, די מעגע מעגע סטעיקס, די חזנים, די משוררים, די סאטמארע קל אדון פון ר' בעריש ווישעווער הי"ד, די מארש פון הר"ר אברהם ווערצבערגער ז"ל ביי אין קצבה, די תקיעת שופר דרשה. די לאנגע נסיעה מיטן באס פון אומאן קיין ריישא. כפרות, כל נדרי, דער אייבערשטער איז מוחל פאר אלע אידן..... ממש קטונתי מכל החסדים!

ווער רעדט נאך פון די יום טוב סוכות..... זיצן אין די סוכה מיט די פאמיליע און אריינאטעמען די הייליגע יום-טוב'דיגע לופט, אנפילן די לונגען אויפ'ן לאנגען ווינטער.... שאקלען לולב מיט די קינדער..... הושענא רבה דרשות פונעם ראש ישיבה..... לעבעדיגע הקפות....... די ברסלב'ע הקפה ניגונים.... "איך וויל זיין א איד" "א מחי' ציצית" "א מחי' מזוזה" "א פרק משניות, די בעסטע סגולה"






הערליך! הערליך!

שמחת תורה נאכמיטאג טרעף איך אויפן גאס א באקאנטער מיינער, ער פרעגט מיך וואס ביסטו אזוי פריילך..... איך ווארט שוין צו זיין מארגן ניין אזייגער ביי מיין דעסק און לאטס מיך שוין אפ.......

איך הייב אן שמועסן מיט אים א צוויי דריי מינוט... ביז ס'הייבט אן פליען ווערטער פון זיין זיידענע מצוין'דיגע עילוי'אישע לעבן, ער דערציילט מיר אז ער עפנט נישט קיין ספר...... ער זאגט מיר ווי זיין דאווענען זעט אויס..... איך וויל עס נישט ארויס זאגן פון מויל.... (עפעס וועגן דאווענען אין ווערהאוז אום פינעווע נאכמיטאג....... שששששש.... קיינער טאר נישט וויסן, זיין מצוין'דיגע אויסגעשטיגענע קאמפעטישן'דיגע שוואגער, וואס טוט אפשר די זעלבע זאך, טאר זיכער נישט וויסן.....)

איך בין געווארן זייער פאר'צער'ט פון דעם וואס דער אינגערמאן האט מיך דערמאנט, איך געדענק נאך גוט מיין "עכטע דערהויבענע גייסטיגע באצויבערנדע וינועו-אמות-הסיפים'דיגע פארענטשעס'דיגע" הקפות פאר איך בין אנגעקומען צו די "שוואכע בעיבישע פלאטשיגע געברעינ-וואשטע" וואס זאגן משניות אן פארשטיין, אן הבנה, אן קיין טראפ עמקות.........

עס האט מיר געטויכעט ביים הארץ פון די צער פון דעם אינגערמאן, איך האב זיך דערמאנט וואס איך בין אדורך פאר איך האב געוואוסט פון די זאך פון זאגן משניות און זאגן גמרא. די "לעט-דאון" פון מוצאי



## עס האט מיך געטויכעט ביים הארץ פון די צער פון דעם אינגערמאן

שמחת תורה האט דאך אזוי מין ווי געטון, אז נאך א מזל מ'האט זיך מארגן פאר'שיכור'ט מיט די דמיון אז א נייע חברותא וועט עס מאכן, א נייע קובץ מפרשים וועט עס מאכן, אפשר זאל איך זיך זעצן לערנען אין א מער לומד'ישע מקום תורה, אזוי וועל איך בעסער לערנען, אוי נעבעך ווי שטארק מיין נשמה האט געלעכצט צו האבן שייכות מיט די תורה.

כ'האב אמאל געזען אזא מין רעדל וואס מ'פאפט אריין א מייזעלע זאל אריינגיין דערין און פרובירן צו גיין אויף ארויף-צו, אזוי ווי למשל ס'וואלט געווען א לייטער, און וויפל מ'גייט אויף ארויף דרייט זיך עס נאך און נאך, ביז מ'ווערט אינגאנצן צודרייט. אזוי ציט א מענטש צו שטייגן און שטייגן אין זיין שטייגעדיגע שטייג, און ער דארף רחמי שמים צו לערנען תורה "היינט". ער דרייט זיך און דרייט זיך און די ספרים









שאנק ווערט ברייטער, און די ליסטע פון חברותות ווערט לענגער ביז ער בלייבט א גרויסער עם הארץ מיט א גרויסע ברייטע טיפע ליידיגע מח.

יעדער איינער וויל לערנען, יעדער האט א נשמה, און יעדע נשמה לויפט אויף תורה אזוי ווי א קאר לויפט אויף געזעלין, און א טאג וואס מ'לערנט נישט קיין תורה שטייט די קאר אויף איין פלאץ, עס פארט נישט, עס רירט זיך נישט, מ'קומט נישט אן צום ציל.

שטעלט אייך פאר א איד זיצט אין קאר און מאכט זיך צו די אויגעלעך און חלומ'ט (דמיונ'ט) אז ער פארט אויף קענעדע, טאנצט דארט אויף א חתונה, גייט אין די מאנטריאלע סטעיק האוז, באשטעלט א פינף ביינערדיגע צוויי הונדערט דאלערדיגע סטעיק, ער דרייוט צוריק, ער שטעלט זיך אפ ביי דוטי-פרי און שפאצירט ארויס מיט צוויי ראלעקס'עס, דריי אמעגא'ס און פיר טאג-הויער'ס, אויפן וועג א היים שלאפט ער אין א פייוו-סטאר הילטאן האטעל און וועקט זיך אויף אין זיין שמוציגע קלעבעדיגע העמד זיצנדיג אין זיין צוקנייטשטע קאר וואו ער שלאפט שוין באלד צוויי טעג........

אין כאן לא ראלעקס ולא אמעגע, לא הילטאן ולא קענעדע...... אבל יש כאן דמיונות וחלומות וחזיונות.......

זיין כח הדמיון האט געהאט א הערליכע וואקאציע אין הילטאן מיט דריי טייערע זייגערס אויף זיין רעכטע האנט און דריי אויף די לינקע האנט וואס האט זיך נישט ארויסגערוקט פון זיין מיט-לייז-אנגעפילטע שעווי סטעישן וועיגן פון די אכציגער יארן....

זיין "קאפ" איז געפארן אבער זיין "פלייש" איז געשטאנען.

אזוי איז עס מיט לערנען תורה, אויב דו האסט נישט געלערנט היינט קיין תורה שטייסטו אויף איין פלאץ, דיין כח הסבלנות האט זיך נישט גערירט, דיין שמחת החיים שטייט דארט וואו איבער-נעכטן נאכ'ן קוגל און יאפטשיק.

**אין כאן לא ראלעקס ולא אמעגע, לא הילטאן ולא קענעדע**

אלעס רוקט זיך ביי דיר נאר נישט דיין קעפעלע.... דיין בערזל רוקט זיך, דיין באנק אקאונט באקומט מער און מער זיראָ'ס אויף די רעכטע זייט..... דיין וואטסהעפ סטעטוס ווייזט מער סטעיקס און מער רעסטאראנטן און מער פרייוועט דזשעט'ס, אלעס רוקט זיך ביי דיר פאראויס נאר נישט די מח, די רואיגקייט, די שלוות הנפש, די זאטקייט אז דער אייבערשטער נעמט קער פון מיר, די זיכערקייט אז אלעס וועט ווערן בעסער. אלע ארום דיר ווערן זאט און קוקן דיין שמאלציגע סטעטוס. שוין געהאט וואקאציע'ס, שוין געקויפט

# געדאנקען





דיימאנטן, שוין געפארן מיט העליקאפטער'ס, שוין געריטן אויף עלעגעיטער'ס, שוין געגאנגען סקעיטינג, סנעיקינג, סנארקלינג, סקובא-דייווינג, סקיי-דייווינג, רעינדזש-שוטינג, ווייין-מעיקינג, סאור-קרים-וויפינג, אייס-קרים-ליקינג, מאונטן-קליימבינג, שלום-בית-פייטינג, קיד'ס-פראסקעקינג, עין-הרע-סקענינג, נעיווי-סיעל-טרעינינג, וכל זה איננו שוה לי בכל עת וואס איך לערן נישט תורה "יעדן טאג".

איך וויל אייך פרעגן א פשט אין קאפיטל אשת חיל פון שלמה המלך, ווער קען מיר ענטפערן אויף דעם?

אונזער גרויסער הייליגער שלמה המלך, דער חכם מכל אדם זאגט, שקר החן והבל היופי, אשה יראת השם היא תתהלל.

אסאך מענטשן טראכטן אז אשת חיל איז געזאגט געווארן אויף א פרוי, די פשט אין רש"י איז אבער אז די אשת חיל רעדט פון די תורה, נישט פון סתם א פרוי.

אויב אזוי שטעלט זיך א קושיא, בשלמא אז מ'רעדט פון א פרוי און דו זאגסט מיר שקר החן, ווייל אשה יראת השם היא תתהלל, פארשטייט מען די פשט אין פסוק, אבער אויב מ'רעדט פון די תורה, וואס איז שייך צו זאגן אויף די תורה שקר החן?

וואס איז פשט דא?

דער ראש ישיבה זאגט אלץ "אלא מאי, די קושיא איז די תירוץ......"

מוז זיין אז ס'קען זיין א מענטש וואס לערנט נאר אויב איינער גייט אים ארויף קוקן, אבער סתם זאגן? משניות? ס'איז דאך נישט דא קיין שום כבוד דערין! פארוואס זאל איך עס טון?! ענדערש זאל אדורך גיין טעג און וואכן אן תורה, השם ישמרינו..... מוז זיין אז שלמה המלךווארנט אונז! לערען נישט צו זיין א מצויין! לערן נישט קיין תורה צו זיין א ב'חן'דלטער!

לערן תורה ווייל תורה מאכט הייליג.

לערן תורה ווייל תורה איז א נערוון-פיל, תורה געט שטארקע נערוון צו קענען אויסהאלטן יעדע פאסירונג אין לעבן.

**און אויב מיין חברותא קומט נישט היינט זאל איך נישט לערנען?**

און אויב מיין חברותא קומט נישט היינט זאל איך נישט לערנען? אויב איך פארשטיי נישט פשט אין גמרא זאל איך בלייבן שטעקן? פארמאכן די גמרא? וואס בין איך שולדיג אז מיין חברותא האט א חתונה היינט? זאל איך נישט איינעמען מיינע נערוון פילן?? מוז איך היינט האבן כעס-אויסברוכן ווייל מיין חברותא איז געגאנגען אויף פלארידע פאר צען טעג? מוז איך יעצט רצח'נען מיינע קינדער פאר צען טעג?

עס איז פשוט א שאד נישט צו פרובירן די נערוון-מעדעצין פון זאגן משניות, מ'ווערט רואיג און צופרידן, אלע וואס פרובירן עס פאר עטליכע טעג ווילן עס קיינמאל נישט אפלאזן.

# א מַעֲשֶׂה
## פוּן א צַדִיק



### בַּאצָאלְט אָן גֶעלְט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט גֵיין אִין מִקְוֶה אִינְמִיטְן נַאכְט בַּיי חֲצוֹת פַארְן זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, חוּץ וָואס עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין מִקְוֶה אִינְדֶערְפְרִי פַארְן דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית.

עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גְרִינְג צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, וַוייל דִי מִקְוֶה אִין בְּרֶסְלֶב אִיז גֶעוֶוען וַוייט פוּן זַיין שְׁטוּבּ, וּבִפְרַט אִין דִי וִוינְטֶער נֶעכְט וֶוען עֶס אִיז גָאר קַאלְט אִין גַאס אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ מְסִירוּת נֶפֶשׁ צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, אָבֶער דָאךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה יֶעדֶע נַאכְט בַּיי חֲצוֹת.



דִי וַוייבּ פוּנֶעם מִקְוֶה אִיד הָאט גֶעזֶען דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן רֶבִּי נָתָן צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה הָאט זִי רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים אוּן זִי הָאט אִים אָנְגֶעגְרֵייט יֶעדֶע נַאכְט הֵייס וַואסֶער כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען אָנְוַוארֶעמֶען דִי פִּיס נָאכְן אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן מִקְוֶה, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְמִילוּת חֶסֶד.

לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען דִי מִתְנַגְדִים גֶעוָואר גֶעוָוארְן דֶערְפוּן, אוּן זֵיי הָאבְן אָפְּגֶעזָאגְט דֶעם מִקְוֶה אִיד פוּן דִי אַרְבֶּעט, אוּן אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן דִי דִירָה וָואס אִיז גֶעוֶוען הַארְט נֶעבְּן דִי מִקְוֶה.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִין אַ קַאלְטְן וִוינְטֶער טָאג, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וואוּ צוּ גֵיין, אִיז זִי גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן מִיט אַ גְרוֹיסֶע טַעֲנָה אַז מֶען הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן וֶועגְן אִים, בְּמֵילָא זָאל רֶבִּי נָתָן זֵיי הֶעלְפְן.

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: וִויאַזוֹי קֶען אִיךְ עֶנְק הֶעלְפְן? גֶעלְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט, אָבֶער דָאס קֶען אִיךְ עֶנְק טוּן, שִׁיקְט מִיר עֶנְקֶערֶע צְוֵויי זוּן, אוּן אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען מִיט זֵיי.

אַזוֹי הָאט זִי גֶעטוּן, זִי הָאט גֶעשִׁיקְט אִירֶע צְוֵויי קִינְדֶער צוּ רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל לֶערְנֶען מִיט זֵיי, בִּיז זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעוַואקְסְן פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, ר' מֹשֶׁה בְּרֶסְלֶבְעֶ'ר אוּן ר' זַאנְוִויל.

(ספר אילן החיים אות קטו)





# דעם הייליגן רבי׳נ׳ס

# לעבנסגעשיכטע

| פארזעצונג |

- נ׳ -

**פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** גָאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן זֶענֶען זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן דוּרְכ׳ן רֶבִּי׳ן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סְ׳אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע גֶעפָּארֶעכְץ צוּם רֶבִּי׳ן, דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַ שְׁטִיקְל מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן פוּן דִי רַבָּנִים פוּן שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער דָארְט גֶעהַאט גָאר אַסַאךְ מְקוּרָבִים אוּן יְדִידִים, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אִים.

* * *

אִין יֶענֶע טֶעג הָאט אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר, ר׳ לֵייבּ דָאבְּרָאוְונֶער פוּן שְׁטָאט קְרִימֶענְטְשָׁאק, גֶעשִׁיקְט זָאגְן פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אַז עֶר הָאט אַ זוּן מִיטְ׳ן נָאמֶען יִצְחָק אַייזִיק, אוּן עֶר אִיז דִי זֶעלְבֶּע עֶלְטֶער פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס צְוֵוייטֶע טָאכְטֶער שָׂרָה, אוּן עֶר ווִיל זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט׳ן רֶבִּי׳ן.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט דֶעם שִׁידוּךְ, אָבֶּער ר׳ חֵייקְל הָאט גֶעזָאגְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן, ״רֶבִּי, אִיר נֶעמְט אוֹיף זִיךְ אַ פְרִישֶׁע מַחְלוֹקֶת״, וַוייל דֶער גְבִיר הָאט זִיךְ שׁוֹין מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען מִיט אַסַאךְ צַדִיקִים אִין דוֹר, אוּן יֶעצְט אַז דֶער רֶבִּי וֶועט נִישְׁט וֶועלְן דֶעם שִׁידוּךְ, וֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם אַ פְרִישֶׁע מַחְלוֹקֶת.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶע׳עֲקְשְׁנְ׳ט, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, ״זָאל עֶר גֶעבְּן טוֹיזְנְט רֶענְדְלֶעךְ״, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט דֶערְמִיט אַז וַוארְשֵׁיינְלִיךְ וֶועט דֶער גְבִיר נִישְׁט מַסְכִּים זַיין צוּ גֶעבְּן אַזַא גְרוֹיסֶע סוּמֶע אוּן דֶער שִׁידוּךְ וֶועט נִישְׁט וֶוערְן. ר׳ לֵייבּ הָאט אָבֶּער יָא גְלַייךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ, אוּן אַזוֹי אִיז דֶער שִׁידוּךְ גֶעוָוארְן.



דֶער רֶבִּינְ׳ס צְוֵוייטֶע טָאכְטֶער - שָׂרָה, אִיז אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן מִיט יִצְחָק אַייזִיק דֶער זוּן פוּן ר׳ לֵייבּ דָאבְּרָאוְונֶער. נָאךְ פַאר דִי עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן - אָדְל.

אִין יֶענֶע צַייט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט אַ מְקוּרָב מִיטְ׳ן נָאמֶען ר׳ אַבְרָהָם פֶּעטֶערְבּוּרְגֶער, וָואס עֶר פְלֶעגְט דֶעמָאלְט אָפְּשְׁרַייבְּן דִי תּוֹרוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. אִיבֶּערָאל אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן וואוּ עֶס שְׁטֵייט ״לְשׁוֹן הַחֲבֵרִים״ אִיז דָאס פוּן וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן. [זַיין לָשׁוֹן אִיז נִישְׁט אַזוֹי מְדוּיָּק].

אִין יֶענֶע יָארְן, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין עֲבוֹדַת ה׳. כָאטְשׁ וָואס עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אוּן תַּלְמִידִים וָואס פְלֶעגְן קוּמֶען צוּ אִים כְּסֵדֶר, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶר גֶעוֶוען רוֹב טָאג פַארְשְׁפַּארְט בַּיי זִיךְ אִין צִימֶער אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶר פְלֶעגְט עַל פִּי רוֹב אַרוֹיסְגֵיין אַסַאךְ צוּ דִי פֶעלְדֶער אוּן דִי בֶּערְג אַרוּם דִי שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אוּן דָארְט פַארְבְּרֶענְגְט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן אַסַאךְ מָאל אוֹיךְ דִי גַאנְצֶע נַאכְט.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי הוֹיכֶע בֶּערְג וָואס הָאט זִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען, אִיז גֶעוֶוען אוֹיבְן פוּנֶעם בַּארְג אַזוֹי וִוי אַ טָאל אַרַיין, אוּן עֶר פְלֶעגְט אַרוֹיפְקְרִיכְן צוּם שְׁפִּיץ בַּארְג אוּן אַרַיינְגֵיין אִינֶעם טָאל דָארְט אוֹיבְן, אוּן דָארְט הָאט עֶר אַסַאךְ מָאל זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד צוּ זַיין.

אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהַאט נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע פְלֶעצֶער וואוּ עֶר פְלֶעגְט זִיךְ בַּאהַאלְטְן, אוּן דָארְט פְלֶעגְט עֶר פַארְבְּרֶענְגֶען טֶעג אוּן וָואךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. כָאטְשׁ וָואס עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּאקַאנְט דֶעמָאלְט אַלְס אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם, נָאר וַוייטֶער זִיךְ גֶעפְלַייסְט צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּטֶערְהֵייט, וִוי אַ קִינְד רֶעדְט זִיךְ אוֹיס אוּן וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּ זַיין טַאטֶע.

פוּן אַזוֹיפִיל מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, פוּן אַזוֹיפִיל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר לַאנְגֶע טֶעג אוּן יָארְן, הָאט דֶער רֶבִּי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת אוּן בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף טוּן בְּרַבִּים קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר מוּז עֶס טוּן מַמָּשׁ מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם

**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״**

# א מעסעדזש פאר כלל ישראל



ישראל דוד העסקעל

פיר מיר אריבער דעם טעלעפאן צום גרויסן מעמד קידוש השם וואס קומט יעצט פאר, מיר האבן דא איינעם אויפן ליין וואס איז דארט לייוו אויפן סצענע, ער וועט אונז איבערגעבן א לעבעדיגע באריכט פונעם קידוש השם וואס קומט יעצט פאר.

איז פארצייל פאר די צוהערער, קודם וואס איז אייערע פערזענליכע שייכות מיטן מצב?

איז אזוי, איך בין בעצם שוין פון אלס קינד איינער וואס ביי יעדן מצב מוז איך זיך דארט געפונען, ווייסט דאך ווי אזוי ס'גייט... און טאקע בין איך פונקט געווען אין די געגנט ווי ס'האט זיך געטון די מצב, נאטורליך בין איך גראד אהין געפלויגן און טאקע מיטגעהאלטן פון די נאנט די גאנצע סיטואציע.

זייער שיין, אינטערעסאנט צו הערן....

וויפל מענטשן זענען אלס געווען דארט אויפן סצענע?

איך וויים נישט פונקטליך, אבער איך וואלט געזאגט צוואנציג דרייסיג בערך, בקיצור ס'געווען אן עולם בשעת די סיטואציע האט זיך אפגעשפילט.

אהא, וואס זענען געווען אייערע געפילן



דארט ביים סצענע?

וואס זאל איך אייך זאגן מי כעמך ישראל ס'איז געווען מורא'דיג! מ'האט געשפירט אן אחדות ס'האט זיך ארויסגעוויזן דעם כל ישראל ערבים זה לזה! אשרי עין ראתה!

פשששש ממש אזוי!? וואס נאך קענט איר צוגעבן פאר אונזערע צוהערער?

א מענטש דארף אלעמאל געדענקען סעיפטי פורסט! די תורה זאגט דאך ונשמרתם מאד לנפשותיכם, אייביג דארף מען האלטן קאפ ווי מ'קען איינעם העלפן, מ'קען קיינמאל נישט וויסן ווער ס'קוקט אלס, במילא ברויך מען מאכן א קידוש השם!

וואס איז אייער מעסעדזש פאר כלל ישראל???

**יא אזוי קומט מען היינט אויס, יעדער שמויגער וואס האט פונקט דורכשפאצירט עפעס א געשעעניש און געבט אן אינטערוויו, האט שוין א מעסעדזש פאר כלל ישראל! גאר וויכטיג....**

***

איך האב נישט געמאכט דעם פונקטליכן חשבון וויפיל שעה ס'איז געווען, אבער מ'האט שוין ביי דעם פונקט געהאלטן נאכן זיך שלעפן פון א פלייט צו א באס צו א טרעין, אויסגעמוטשעט און אויסגעסאפעט, קוים זיך געוואלט מאכן באקוועם, קומען שוין צו גיין די גרעניץ באאמטע מיטן הינטל, ווידעראמאל שטערן דאס רואיגקייט. יעדער איז אויסגעמאטערט ס'איז שוין גוט שפעט ביינאכט, ווער וואלט דען נישט געוואלט ליגן יעצט אין א פיינע ווארימע בעט אינטערן דאכענע און חלומ'ען זיסע חלומות...

אנשטאט זיצט מען איינגעקוטשקעט אינעם קליינעם הארטן בענקל מיט די שמונה בגדים, ס'איז שטערבליך הייס און ביטערלעך קאלט אויף איין מאל... נישט קיין קישן, נישט קיין דעקע און נישט קיין מאטראץ, ניטאמאל פלאץ זיך צו קענען געבן א צי אויס דעם אויסגעמאטערטן גוף, אבער וואס טוט דען נישט א איד צו קענען אנקומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, און זוכה זיין צו אלע הבטחות וואס דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט. אז מ'שטייט פארן גרויסן יום הדין וויל דאך יעדער דעם בעסטן עורך דין וואס ס'איז פארהאן, וואס וועט דען א מענטש נישט טון צו מאכן זיכער אז ער גייט ארויס זכאי בדין...

אויב איז דער מצב אומבאקוועם און מ'דארף זיך שלעפן מיט מסירת נפש וועט מען גיין מיט מסירת נפש, אבער דער רבינ'ס ראש השנה איז נישט עפעס וואס מ'קען פארפאסן!

ס'איז שוין א שיינע פאר שעה אריין אין די נסיעה מיטן באן, עטליכע שלאפן, עטליכע פארברענגען, איינער חלומ'ט, איינער עסט, אין יעדן ווינקל וואו מ'קוקט זעט מען אנשי שלומינו כאפן אריין שיעורים כסדרן, אויף דעם איז מען נישט מוותר, נישט קיין חילוק די אומשטענדן, אפילו צושאקלט אויף א באן טיף אינמיטן די נאכט...

אזוי פארט מען שעות אויף שעות, ס'קוקט אויס ווי ס'נעמט נישט קיין עק, מיילן אויף מיילן טיפער און טיפער אריין אין אוקראיינע.

ביז ס'הייבט ענדליך אן טאגן און פון צווישן איינע פון די קאבינעס הערט זיך ארויס א זיסן קול מיטן סליחות'דיגע נוסח אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה!

דער ראש ישיבה זאגט אז דאס האט ער אלץ געזען ביי זיין גרויסן זיידן דער קארלסבורגער רב זצ"ל אז ווען מען איז אונטערוועגנס שטעלט מען זיך גלייך דאווענען אזוי ווי ס'הייבט אן טאגן, ווייל ווען מ'איז אונטערוועגנס רוקט זיך די זייגער פאראויס פינף זעקס שעה, און אז מ'דאווענט נישט גלייך קען מען חלילה פארפאסן זמן תפילה, דערפאר שטעלט מען זיך די ערשטע רגע וואס מ'קען.

דער ראש ישיבה האט פארגעזאגט סליחות דארט אינעם קליינטשיגן לעכל צווישן צוויי קאבינעס און ווער ס'האט געקענט האט זיך מיטגעשטעלט זאגן סליחות און דערנאך שחרית, וואס זאל איך אייך זאגן, עס האט געהאט אלע טעמים, מ'האט שוין אנגעהויבן שפירן דעם געשמאקן ראש השנה לופט.



נאך סליחות האט דער ראש ישיבה אנגעטון תפילין און פארגעזאגט הויך די ברכות, אוי האט דער שלא עשני גוי אפגעהילכט, מ'האט עס געשפירט אין יעדן ביינדל אין יעדן אדער, די גוף האט בכלל נישט געהאלטן ביים זיך צושטעלן צו די סיטואציע, אבער איך בין א איד און איך דארף דאווענען שחרית זאל זיין וואס זאל זיין.

דער ראש ישיבה האט צוגעשיקט דעם דיין שליט"א צום עמוד. קיינער דארט איז נישט געווען באקוועם, יעדער האט געהאלטן נאך לכל הפחות איין שלאפלאזע נאכט, אבער קיינער איז נישט מוותר אויפן שחרית. אזוי שטייען מיר דארט צוקוועטשט און צודרוקט אויסגעמאטערט און צופליקט אבער פרייליך אן א שיעור!

ביי אשרי ובא לציון איז דער ראש ישיבה ארומגעגאנגען קלייבן צדקה, ווען דער עולם האט געזען אז דער ראש ישיבה אליין גייט ארום נאך געלט האט דער עולם ארויסגענומען גרעסערע סכומים פון טאש, אבער דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: איך דארף דאס נישט, איך וויל דייקא די קליין געלט, די קוואדערס און ניקעלס.

נישטא קיין וועקער קיין משגיח, איינער וואס קוקט שטרענג אדער איינער וואס פליקט מיט די פינגער, קיינער הייסט נישט, קיינער פארלאנגט נישט, אבער דא שטעלט זיך א מנין מסירת נפש אידן וואס שרייען אויס מיט קוים א קול אן קיין ברעקל כוח יהא שמיה רבא מברך לעלם ולעלמי עלמיא!

אוי איז דאס געווען א פרייליכע דאווענען, מיר האבן מנצח געווען, מיר האבן געזאגט פאר אונזערע צופליקטע גופים, זאל זיין וואס זאל זיין איך בין א איד און איך דארף יעצט טון רצון השם, אנטון טלית און תפילין און זיך שטעלן דאווענען און לויבן דעם אייבערשטן!

נאכן דאווענען איז דער ראש ישיבה געווען זייער אויפגעלייגט, דער ראש ישיבה האט הויך אויסגעשריגן: ברענגט אהער אלע אידישע נייעס, זאלן זיי אלע זען וואס מיינט א מעמד קידוש השם!

איך האב האב א מעסעדזש פאר כלל ישראל האט דער ראש ישיבה אויסגעשריגן "אידן דאווענען"!

דער ראש ישיבה האט עס עטליכע מאל איבער'געחזר'ט "דאס איז א אמתע מעמד קידוש השם! זאלן אלע ליצים און מתנגדים קומען קוקן ווי אזוי מענטשן וואס ווייסן נישט וואס זייער נאמען איז, אידן וואס האלטן נאך צוויי טעג נישט שלאפן, שוין פערציג שעה אינטערוועגנס, זייענדיג זיך מוסר נפש צו קענען אנקומען קיין אומאן אויף ראש השנה צום הייליגן רבי'ן, דאך טוט ער אן תפילין און שרייט יהא שמיה רבא"!

זאל ער זיך יעצט שטעלן שרייען מ'פארט זיך אזוי מ'גייט זיך אזוי מ'טוט זיך אזוי - ר' איד ס'פארט זיך גארנישט אזוי ס'גייט זיך גארנישט אזוי.... נאר מיט מסירת נפש זענען מיר זוכה צו קענען זיין ביים הייליגן רבי'ן!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**



# קלאסיפיידס

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM




א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

איך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449


Deadline:
ר"ח כסלו
November 14

קרית ברסלב ליבערטי

מיט פרייד ווילן מיר מעלדן אז עס איז שוין מעגליך ארייצושטעלן עדווערטייזמענטס אין אינזער קרית ברסלב טעלעפאון בוך וואס וועט בעזרת ה' ערשינען אין די נאנטע צוקומפט.

Full Page .......... $500
1/2 Page .......... $300
1/4 Page .......... $200

די צוגענגליכן פרייזן זענען פאר אנשי שלומינו און די רווחים וועלן איבערגעגעבן ווערן פאר אונזער מוסדות.

• ווי אויך קען מען ארייגלייגן א business listing בחינם. (די נאמען און נומער)

פאר מער אינפארמאציע אדער איינצוהאלטן ביטע רופט (845)513-9042 אדער שיקט אן אימעיל צו
kiryasbreslevphonebook@gmail.com

וכל הקודם זכה!!!







# כולל "היכל הקודש" ברסלב

**בנשיאות ראש הישיבה שליט"א**

27 Skillman St. Brooklyn NY 11205 – 181 Huschke Rd Liberty NY

בס"ד

**אין נאמען פון די הנהלת הכולל טוען מיר וואונטשן א הארציגן דאנק פאר ידידינו מו"ה**

# ר' פייש פעלבערבוים נ"י

**פאר גיין יעדן טאג ביים דאווענען מיט די**

## פושקע בייטל

**פון אונזער חשוב'ע כולל, און אנגעקומען אין עטליכע וואכן צו געבן א**

## פרנס היום

**דער אייבערשטער זאל דיר געבן א זיסע לעבן**

**ימלא השם כל משאלות לבך לטובה**

וואונטשט דיין ידיד און מחותן

**משה ארי' שניטצלער**

**מנהל הכולל**

# כולל "היכל הקודש" ברסלב

**בנשיאות ראש הישיבה שליט"א**

27 Skillman St. Brooklyn NY 11205 – 181 Huschke Rd Liberty NY

בס"ד

**אין נאמען פון די הנהלת הכולל טוען מיר וואונטשן א הארציגן דאנק פאר ידידינו מו"ה**

# ר' יואל שניטצלער נ"י

**פאר מנדב זיין א פרנס היום לעילוי נשמת זקינו**

## הרה"ג שרגא שמואל

## בהרה"ג ברוך יודא זצ"ל

## שניטצלער

## אב"ד טשאבא

**דער אייבערשטער זאל דיר געבן א זיסע לעבן וימלא השם כל משאלות לבך לטובה**

**משה ארי' שניטצלער**

**מנהל הכולל**

# כולל "היכל הקודש" ברסלב

**בנשיאות ראש הישיבה שליט"א**

27 Skillman St. Brooklyn NY 11205 – 181 Huschke Rd Liberty NY

בס"ד

**אין נאמען פון די הנהלת הכולל טוען מיר וואונטשן**

## א הארציגן דאנק

**פאר הילד הנחמד יניק וחכים**

# מענדי מענדלאוויטש נ"י

**בהר"ר יואל הי"ו**

## פאר צאמנעמען געלט לטובת כוללינו

**דער אייבערשטער זאל דיר געבן א זיסע לעבן**

**ימלא השם כל משאלות לבך לטובה**

וואונטשט

**משה ארי' שניטצלער**

**מנהל הכולל**

# כולל "היכל הקודש" ברסלב

**בנשיאות ראש הישיבה שליט"א**

27 Skillman St. Brooklyn NY 11205 – 181 Huschke Rd Liberty NY

בס"ד

**אין נאמען פון די הנהלת הכולל טוען מיר וואונטשן א הארציגן דאנק פאר**

**הילד הנחמד יניק וחכים**

# אליעזר קאהן נ"י

**בהר"ר אייזיק הי"ו**

**בהר"ר מענדל הי"ו**

**מותיקי תלמידי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו**

## פאר צאמנעמען געלט לטובת כוללינו

**דער אייבערשטער זאל דיר געבן א זיסע לעבן**

**ימלא השם כל משאלות לבך לטובה**

וואונטשט

**משה ארי' שניטצלער**

**מנהל הכולל**



# מעשיות
# פון תפילה

**ג. לערנער**
**ארץ ישראל**

אינמיטן די אנגעצויגענע מינוטן פאר'ן ארויספארן קיין אומאן האט אונזער אויווען אויפגעהערט ארבעטן, וואס טו איך דא? איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל ווערן פאררעכטן,

אינמיטן האט מיר אריינגעבליצט א געדאנק אז עס איז נאך נישט אלט א יאר, איז קען איך נאך גיין צום געשעפט וואו איך האב עס געקויפט.

איך בין גלייך אריבער צו זיי, קודם האבן זיי געזאגט איך זאל קויפן א נייע, אבער נאכן הערן אז עס איז נאך אין די יאר פון ווען מען האט עס געקויפט, זענען זיי אריבערגעקומען עס פאררעכטן. שכח אייבערשטער

**ל. וועבערמאן**
**קרית ברסלב**

מוצאי יום טוב האב איך זייער שטארק געוואלט האבן די הויז זויבער און צאמגענומען נאכן גאנצן יום טוב וואס איז אריבער, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל קענען פאסירן, אבער איך האב נישט געוויסט וויאזוי דאס גייט קענען געשען.

אסרו חג אינדערפרי קלינגט די בעל און נישט מער און נישט ווייניגער די קלינינג לעדי שטייט ביים טיר, אויפן פראגע פארוואס זי איז יעצט געקומען און נישט אינעם באשטימטן טאג וואס זי קומט אייביג? האט זי געזאגט ווייל די אנדערע פרוי וואס ניצט איר האט ארויסגעקענסעלט במילא קומט זי צו מיר.

שכח אייבערשטער אז זי האט אויפגערוימט די גאנצע הויז און נאך אוועקגעפאקט די סכך און ברעטער פון די סוכה.

**ל. לב**
**ירושלים**

מיר האבן זייער געוואלט אביסל אוועקפארן מיט די קינדער. די פלאץ וואו מיר האבן געוואלט גיין איז געווען זייער באקוועם פאר היימישע משפחות, מיט מנינים און א כשר'ע שווים באסיין, אבער עס איז שוין געווען פארנומען אויף גאנץ זומער.

מיר האבן זייער געבעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן קענען גיין. איך האב גערופן די סעקרעטאר, זאגט זי מיר אז ניין, אבער עס האט זיך יעצט געמאכט אז עס איז אוועילעבל פאר די וואך און אזוויי עס איז שוין סוף וואך, קען זי מיר עס געבן פאר כמעט האלב פרייז. זי האט מיר אבער געזאגט אז עס איז נאר אוועילעבל ביז זונטאג.

מיר האבן זיך צוגעכאפט דערצו און געטראכט אז אינאמת'ן ווילן מיר בלייבן א טאג לענגער, און מיר ווייסן שוין די עצה פון תפילה... זונטאג האבן מיר אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן נאך האבן א דירה פאר אונז און מיר האבן געטראכט אז מיר וועלן דאס אריינשרייבן אין "בלעטל". געלויבט דער אייבערשטער, מיר האבן געקענט בלייבן א טאג לענגער און זייער הנאה געהאט.

בעט דעם באשעפער
וועט ער דיר העלפן




845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com

קרית
# ברסלב
בלעטל

# קינדער אפטיילונג
פרשת נח

## חידות
אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט אויפן ספר המדות: דעם ספר האט מיך געמאכט פאר א**

א. צדיק
ב. עובד השם
ג. איד
ד. ערליכער איד

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט: וואס דארף א איד טון אויף דער וועלט

**נאר דאווענען און לערנען און דאווענען**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**אשר טייטלבוים נ"י - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף
די ווערטער

אז איר וועט אריינגעמען די אמונה אין זיך, איר וועט טראכטן 'אין עוד מלבדו, **דער אייבערשטער איז דא, ער איז אלעס, ער מאכט אלעס, עס פאסירט גארנישט אליין - דאס** וועט אייך בארואיגן, איר וועט ארויסגיין פון אלע פחדים.

**חזר'ט זיך אמונה,** זינג'ט זיך אמונה, וועלן אלע שלעכטע מחשבות אוועקפליען.

(עצת אמונה פרשת האזינו תשפ"ד)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ס | ה | ה | נ | ר | א | י | י | ב | ע | ר | ש | ט | ע | ר |
| ש | ס | י | ר | ט | ל | מ | פ | ו | צ | ז | ס | ס | ט | ס |
| ל | ד | ע | ס | ז | י | ח | ט | א | ל | א | ל | ע | ס | א |
| ע | ע | ד | ל | ד | י | ז | י | כ | מ | ג | ו | ז | ל | ד |
| כ | ק | צ | ח | א | נ | כ | ב | א | ר | ו | א | י | ג | נ |
| ט | א | פ | פ | ת | צ | ע | ח | כ | ע | ו | נ | ד | ש | ו |
| ע | ר | ר | א | פ | ג | ז | מ | ל | ב | ד | ו | ה | ז | פ |
| ד | ו | י | ס | ע | ר | מ | א | ו | מ | ד | א | ע | נ | ח |
| מ | י | א | י | נ | ל | ה | ח | ג | ט | א | צ | י | ט | ה |
| ג | ס | ד | ר | פ | ט | א | ו | ש | י | א | ו | ש | י | ת |
| א | ג | ט | ט | כ | נ | ט | צ | א | ב | א | י | ר | נ | כ |
| ר | י | ח | א | ז | ז | ר | ל | א | מ | ו | נ | ה | ז | ת |
| נ | י | מ | א | י | נ | א | י | ג | ד | ו | ת | ד | א | ב |
| י | נ | נ | א | ג | ר | כ | ו | ו | ע | ל | נ | י | ע | ע |
| ש | א | מ | ה | ע | ס | ט | פ | ט | ח | ע | ז | ה | ו | ר |
| ט | ב | ט | נ | ה | ע | נ | ז | ו | ז | י | ח | ס | מ | ל |
| ד | ב | ס | צ | ו | ד | א | ק | צ | ר | ד | י | ו | צ | ט |
| נ | ע | ה | ו | כ | א | ג | ת | ס | ט | ז | י | נ | ג | ט |
| כ | ו | ו | מ | א | ר | י | י | נ | נ | ע | מ | ע | נ | צ |
| ל | נ | פ | ד | ו | נ | ע | י | ל | פ | ק | ע | ו | ו | א |

## טרעף די וועג

טרעף די וועג צום חומש צו מעביר סדרה זיין






## א שטיקעלע ספר המדות

# הַכְנָסַת אוֹרְחִים

**ו. גְּדוֹלָה הַכְנָסַת אוֹרְחִים מֵהַשְׁכָּמַת בֵּית הַמִּדְרָשׁ וְהַקְבָּלַת פְּנֵי שְׁכִינָה.**

אַרײַנְנֶעמֶען גֶעסְט אִיז גְרֶעסֶער פוּן קוּמֶען צוּפְרִי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוּן גְרֶעסֶער פוּן מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי הַשְּׁכִינָה.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
״דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!״

## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנען דיך די בילדער?



עפעס פון פאריגע וואך

דער הייליגער רבי האט געזאגט:
"מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד!"

# קינדער טאלאנטן



פייגי און חיל'ע לאנדא - תיבת נח - קרית ברסלב



משה יוסף טייטלבוים, נפתלי וועבערמאן, מחמן נתן שניטצלער, נפתלי אינדיג
כיתה ז' קרית ברסלב



משפחת שטראססער - כשר'ע סוכה - קרית ברסלב



גיטי ראטה, יוטא און ריזל וועבערמאן - קרית ברסלב



אליעזר שלמה שרי און פייגי יאקאבאוויטש - קרית ברסלב



פייגי לאנדא תחי'
קרית ברסלב



מנחם, הערש אלימלך און יונתן לעזער - סיפורי מעשיות



גיטל ראטה תחי' - א זייגער
קרית ברסלב



פייגי און אסתר פינטער תחי'
אם ד' לא ישמר עיר שוא שקד שומר

# מעשה פון תפלה
# פאַר קינדער

רייזל וועבערמאן תחי׳ - קרית ברסלב פאַרציילט:




אהרגעשטעלט דורך: רייזל וועבערמאן תחי׳







חי׳ וועבערמאן תחי׳ - קרית ברסלב פאַרציילט:




געמאלן דורך: חי׳ וועבערמאן תחי׳






# בילדער
## אפטיילונג





קרעדיט: ישראל העסקעל

הילולת רבינו ז"ל אין היכל הקודש לאנדאן בהשתתפות
הרב מאיר מארקאוויטש שליט"א דומ"ץ קיט"ל סאטמאר


קרעדיט: שלמה האממער

סעודת ברית פון ראובן יואל נ"י בן מו"ה יצחק אהרן
וויינבערג הי"ו אין ישיבה - ג' בראשית תשפ"ד


קרעדיט: דוד טשינאגול


קרעדיט: דוד טשינאגול

דער ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל חדר - ד' בראשית


קרעדיט: דוד טשינאגול

אסיפה מיט די מלמדים אין שטעטל - ד' בראשית


קרעדיט: דוד טשינאגול

שיעור פונעם ראש ישיבה אין כולל היכל הקודש קרית
ברסלב ליבערטי - ד' בראשית







**אבות ובנים אין שטעטל בית המדרש אויף האשקי**
**פרשת בראשית תשפ"ד**


















**אבות ובנים אין שטעטל בית המדרש ליקוטי מוהר"ן**
**פרשת בראשית תשפ"ד**







**פרישע קונטרסים געדרוקט אין קרן הדפסה אין שטעטל צו נאכקומען די גרויסע פארלאנג פון די מפיצים**







**הרה"ג ר' אברהם וואלף שנעבאלג שליט"א דומ"ץ בסאטמאר באזוכט אין כולל היכל הקודש ליבערטי**







**שחרית ראש חודש חשון מיט די קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג**







**אבות ובנים אין היכל הקודש מאנסי - מוצש"ק בראשית**

# בילדער ארכיוון

## זכרונות פון ישיבה שנת תשע"א

## דריטע יאר ישיבה



מו"ה מנחם מענדל שימשאוויטש הי"ו



מו"ה העניך אינדיג הי"ו



מען לערנט שיעורים כסדרן



מו"ה שבתי מארקוס הי"ו



מו"ה שלום יצחק מאסרי הי"ו



מו"ה שמואל גליקמאן הי"ו



מו"ה יוסף שניטצלער הי"ו



מו"ה שמואל מרדכי יאקאבאוויטש הי"ו



מו"ה אשר יעקב בלום הי"ו



YOUR HOME YOURS AGAIN
Servicing the Catskills region
Fast and Efficient Evictions
Legal Expertise for Smooth Transitions
Tailored Solutions for Every Situation
Stress-Free Tenant Troubles Resolution
THE KEY TO YOUR HOME
Clear the path for property prosperity. We don't just evict; we pave the way for a new era of success.
KB Reality Consulting
Yehuda Roth
845.866.9365
kbrealtyconsulting@gmail.com
ZEBRA